# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

ויצא
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

## זוכה זיין דורך פלאג

### חלק א: לאה׳ס פלאג

**די בויערינס פון אונזער פאלק**

**עס** ווערט געברענגט אין גמרא (מסכת בבא בתרא קכג.) פון רבי יונתן: רְאוּיָה הָיְתָה בְּכוֹרָה לָצֵאת מֵרָחֵל - דאס ערשט געבוירענע קינד פון די הייליגע שבטים האט געדארפט צו זיין פון רחל אנשטאט פון לאה. פרעגט די גמרא, ווי אזוי ווייסן מיר דאס? און ברענגט דערצו א פסוק: דִּכְתִיב אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף - דאס זענען די קינדער פון יעקב, יוסף. יוסף, דער זון פון רחל ווערט באטראכט ווי דער ערשטער, דער חשוב׳סטער, און דערפאר איז די ערשטע כוונה, כביכול, פון באשעפער געווען אז רחל זאל זיין די עיקר פון די אמהות פון דעם אידישן פאלק, און איר זון יוסף זאל זיין דער בכור.

דורכאויס די אידישע היסטאריע איז דאס אלעמאל געווען אנגענומען אזוי, אז רחל איז געווען דער ערשטער אויסוואל. מיר זעען אין מגילת רות, ווען די צדיקת רות האט געבוירן א זון, האבן די פרויען פון בית לחם איר געבענטשט, "דו זאלסט זיין כְּרָחֵל וּכְלֵאָה אֲשֶׁר בָּנוּ שְׁתֵּיהֶם אֶת בֵּית יִשְׂרָאֵל - אזוי ווי רחל און לאה וועלכע האבן געבויעט דאס הויז פון די אידן (רות ד,יא). רחל ווערט דערמאנט ערשט. ווייל אפילו מיט פיל יארן שפעטער, אין די צייטן פון רות, האט מען פארשטאנען אז רחל איז געווען די אויסדערוועלטע צו זיין די בויערין פון דאס אידישע פאלק.

**די ׳יהודים׳ קומען פון לאה**

**אבער** דא שטעלט זיך א שאלה: אייגנטליך איז דאך נישט אזוי געווען - רחל האט נישט געבויעט דעם עיקר ׳בית ישראל׳, נאר לאה. ווער זענען דאס די אידן היינט? מיר ווערן גערופן ׳יהודים׳. דער נאמען מיט וואס די אידן ווערן גערופן, איז ארויסגעקומען פון לאה׳ס מויל, וואס זי האט א נאמען געגעבן פאר איר זון, ׳יהודה׳ - ווייל אין א גרויסן טייל שטאמט דאס אידישע פאלק פון לאה׳ס קינדער.

אודאי קומט זיך דער זכות אויך פאר רחל, פון איר שטאמט אויך א טייל פון אונזער פאלק. קיין איינע פון די הייליגע שבטים זענען נישט פארלוירן געגאנגען אינגאנצן, ווייל ירמיהו הנביא האט צוריקגעברענגט א קליינער צאל פון יעדן שבט. אבער די אפשטאמיגע פון מערסטנס שבטים זענען א מינדערהייט, אויסער געצייילטע פון די שבטים. דער פאקט איז, דער גרעסטער טייל פון דאס אידישע פאלק שטאמט היינט פון לאה.

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

רְאוּיָה הָיְתָה בְּכוֹרָה לָצֵאת מֵרָחֵל, זאגן חז"ל: רחל האט 'געדארפט' זיין דער עיקר פון די אמהות, אבער עס האט זיך נישט אויסגעשטעלט אזוי. דאס איז נישט געווען א טעות וואס האט פאסירט, דאס האט דער אויבערשטער אזוי צוגעפירט, אז לאה, נישט רחל, איז דער עיקר פון די אמהות פונעם אידישן פאלק. פון אייביג ביז אייביג, ביז משיח וועט קומען און צוריק פאראייניגן אלע שבטים אין ארץ ישראל, וועלן מיר ווערן גערופן אויף לאה'ס זון יהודה. צי ווערט דען איינער גערופן א 'ראובני' אדער א 'שמעוני'? ניין; מיר ווערן גערופן 'יהודים' / אידן, ווייל דער גרעסטער טייל פונעם פאלק שטאמט נישט פון רחל. דורכאויס די צייט וואס אידן געפינען זיך אין גלות, איז לאה די מאמע פון דעם גרעסטן טייל פון דאס אידישע פאלק.

## רחל איז אויסגעוועלט געווארן

**דאס** זעט אויס מערקווירדיג. מיר פארשטייען אז יעקב אבינו האט זיכער נישט געמאכט קיין טעות; ווען ער האט אויסגעקליבן רחל ביים ברונעם, איז דאס געווען בנבואה, רחל האט געדארפט זיין ערשט - און עס איז זיך איר געקומען צו זיין ערשט. און דאך, איז לאה, די וואס יעקב האט אינגאנצן נישט געהאט בכוונה צו חתונה האבן צו איר, זי איז אים געגעבן געווארן דורך איר טאטע, זי איז די וואס איז פאקטיש געווארן די עיקר מאמע פון דאס אידישע פאלק, אין דער צייט וואס רחל איז געבליבן היבש הינטערשטעליג אין איר טייל פון בויען דאס פאלק.

דאס איז קלאר אז עס איז נישט געווען א צופאל, א דורכפאל אין די היסטאריע. אלעס וואס דער באשעפער טוט אויספלאנירן איז מיט א חשבון; אלע גזירות פון באשעפער ווערן באשטימט לויט וואס די מענטשן וועלן טון און דערפאר, קען א מענטש מיט זיינע זכותים טוישן דעם גאנג פון די פאסירונגען. אלזא פארשטייען מיר אז עפעס האט דא פאסירט וואס האט געטוישט דעם פלאן פון די אידישע געשיכטע.

## וואס האט לאה געטון צו זוכה זיין?

**אז** מיר קוקן אין די תורה געפינען מיר דעם ענטפער: וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה - ווען דער באשעפער האט געזען אז לאה איז פאראאסט, וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ - האט ער איר געגעבן קינדער (ויצא כט,לא). דאס איז די ערקלערונג וואס דער באשעפער האט געגעבן אין די תורה: פארוואס איז לאה געווארן די מאמע פון דאס אידישע פאלק? ווייל זי איז געווען די ווייניגער באליבטע ווייב.

מיר קענען נישט אפלערנען דעם ענין פון אויבנאויף, עס ליגט דערין א טיפערער דערהער. קען דאס דען זיין אז בלויז ווייל לאה האט זיך געשפירט אפגעשטויסן, ווייל זי האט געליטן פון דעם שטאנד פון זיין די מינדערוויכטיגע ווייב, דערפאר איז זיך איר געקומען אזא גרויסע פארגוטיגונג אז דער גאנצער גאנג פון די געשיכטע זאל זיך טוישן פאר איר וועגן? דאס זעט דאך אויס איבערגעטריבן!

## לאה איז נישט געווען פאראאסט

**צווערשט** דארפן מיר אויסקלארן דעם ענין, אז לאה איז נישט ממש געווען פאראאסט; דאס זעען מיר קוים א פסוק פריער, וַיֶּאֱהַב גַּם אֶת רָחֵל מִלֵּאָה - יעקב האט ליב געהאט אויך רחל מער פון לאה (שם ל). דער לשון 'אויך', 'מער פון לאה', ווייזט אז די ליבשאפט איז געווען מער צו רחל אבער לאה איז אויך געווען באליבט ביי יעקב.

אלזא, דער לשון 'שְׂנוּאָה לֵאָה' באדייט נישט אז זי איז געווען פאראהאסט חלילה, נאר קעגן די ליבשאפט וואס לאה האט געוואוסט אז יעקב האט צו רחל, האט זי זיך געשפירט פאראהאסט. אבער עס איז קיין ספק נישט אז יעקב אבינו האט מקיים געווען דעם חז"ל, אוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ - אז א מאן זאל ליב האבן זיין ווייב פונקט ווי זיך אליין.

און דאך, וויפיל יעקב האט אכטונג געגעבן אויף די געפילן פון לאה, וויפיל ער האט איר ארויסגעוויזן שעצונג און ליבשאפט, האבן אלע פארשטאנען אז לאה איז געווען ווי אן אריינדרינגער וואו עס געהערט נישט צו איר.

יעדער ווייסט די פאסירונג וואס די תורה דערציילט, אז ווען יעקב אבינו האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג צו פדן ארם צו זוכן א ווייב - דאס איז געווען א באדייטפולער טאג אין אונזער היסטאריע. אלע אבות האבן זיך אוועקגעגעבן צו ערציען קינדער עובדי ה' - זיי האבן געוואלט פארמערן זייערע קינדער און אייניקלעך, אבער דוקא יעקב איז געווען דער וואס האט געברענגט אויף דער וועלט די הייליגע שבטים וואס פון זיי איז ארויסגעקומען דאס אידישע פאלק.

אצינד האט זיך יעקב אבינו געגרייט צו אויספירן זיין הייליגער ציל צו חתונה האבן און אנהייבן בויען דאס הייליג פאלק.

## יעקב אבינו: אן איש מושלם

**דאס** איז געווען יעקב אבינו'ס כוונה ווען ער איז אנגעקומען צום ברונעם אין פדן ארם - אנהייבן בויען א פאלק פון עובדי ה'. ווען ער האט אנגעטראפן רחל ביים ברונעם, האט ער גלייך פארשטאנען אז זי איז דאס. יעקב אבינו איז געווען א נביא און ער האט גלייך געזען אז אט די מיידל וועט זיין זיין ווייב. דאס איז געווען מן השמים; ער האט געוואוסט אז עפעס וועט ארויסקומען פון דעם שידוך.

וויסנדיג אז רחל איז די וואס דארף זיין די מאמע פון דאס אידישע פאלק, האט ער געמאכט אן אפמאך מיט לבן אז ער וועט ארבעטן פאר אים זיבן יאר און דאן וועט ער אים געבן רחל צו חתונה האבן מיט איר. ער האט מיט באגלייבטקייט געארבעט די גאנצע זיבן יאר, ארויסקוקנדיג צום גרויסן טאג ווען ער וועט קענען נעמען רחל, די אויסדערוועלטע נביאה צו די חופה און אנהייבן בויען דאס אידישע פאלק.

אבער וואס האט פאסירט ווען דער טאג איז ענדליך אנגעקומען? עס איז געווען א חתונה, א גרויסע שמחה, אבער מיטאמאל דערוואוסט ער זיך אינדערפרי אז ער האט חתונה געהאט מיט לאה! זי איז נישט געווען די ווענען ער האט געבעטן; די שוועסטער וואס ער האט נישט אויסגעוועלט האט זיך ווי אריינגעשמוגלט אין זיין לעבן. דאס איז, פארשטייט זיך, נישט געווען די שולד פון די פרוי - איר טאטע האט איר צוגעפירט דערצו, אבער דאך, זי איז געקומען אומגעבעטן. 'וואס טוט זי דא?!' האט יעקב אבינו געטראכט.

ער האט איר אודאי נישט פארשעמט און אויך נישט פארשיקט. זיכער האט ער אפילו נישט ארויסגעוויזן קיין אומשעצונג צו לאה, כאטש וואס ער איז אויסגענארט געווארן. יַעֲקֹב אִישׁ תָּם - יעקב איז געווען א מענטש מיט מושלם'דיגע מידות, געווען א מענטש מיט מושלם'דיגע מידות, גענצליך אויסגעארבעט - ער האט גוט באהאנדלט לאה. אצינד אז לאה איז געווארן זיין ווייב, האט ער איר אויך ליב געהאט.

## לאה: די צווייטע ווייב

**אבער** דאך, עס איז אלעמאל געבליבן די הינטערשטע מחשבה, ׳לאה איז נישט געווען די אויסדערוועלטע׳. אלע האבן דאס געוואוסט און דערפאר האט זי געשפירט זייער אומבאקוועם אין איר הויז. זי האט געזען אז זי איז נאר געווען די צווייטע אויסוואל און עס האט איר שטארק וויי געטון. ווען דער פסוק זאגט כִּי־ שְׂנוּאָה לֵאָה׳, מיינט דאס אז לאה האט ׳געפילט׳ פארהאסט. דורכאויס איר גאנץ לעבן האט זי געשפירט דעם פלעק. עס איז קיין ספק נישט אז יעקב אבינו האט פראבירט דאס בעסטע איר צו פארגוטיגן אויף די אומבאקוועמליכקייט אבער לאה האט געוואוסט דעם אמת, אז זי איז ווי אן איבריגער רייזנדער וואס האט זיך מיטגעכאפט מיט א נסיעה. אפגעזען פון ווי גוט יעקב האט איר באהאנדלט, האט לאה געדענקט אז נישט איר האט ער געוואלט און דאס איז עפעס וואס א ווייב קען קיינמאל נישט פארגעסן.

אודאי האט זי געהאט פיל צער, זי האט געהאט גרויס ווייטאג פון דעם. אז מען קוקט אריין אין די תורה זעט מען אז לאה האט שטענדיג מתפלל געווען צום באשעפער און געוויינט. נאכאמאל און נאכאמאל.

עס זענען געווען צייטן ווען זי איז אפילו אין דער עפנטליכקייט ווי אפגעשטויסן געווארן. צום ביישפיל, ווען עס איז געווען דער באגעגעניש מיט עשו, האט יעקב אבינו געשטעלט לאה מיט אירע קינדער אין פארנט, וואו די סכנה איז געווען גרעסער, אין דער צייט וואס ער האט געלייגט רחל און איר זון יוסף הינטער זיי, נענטער צו יעקב. אודאי האט יעקב אבינו געהאט געהויבענע כוונות דערביי, יוסף הצדיק איז געווען דער עיקר פון די קינדער, און לאה האט אויך נישט געהאט קיין טענות, זי איז געווען א צדיקת. אבער עס האט וויי געטון; זי האט געהאט צער אלע אירע טעג.

## לאה׳ס טיפער רצון

**לאה** איז געווען א קלוגע פרוי. דאס זעט מען פון פארשידענע לשונות אין די גמרא. זי האט פארשטאנען אז יעקב איז נישט אבי ווער פון זייער פאמיליע אין כנען, נאר ער איז א גרויסער מענטש. ביי זיי אין די משפחה האט מען געוואוסט פון די געהויבנקייט פון די פאמיליע פון זייער קרוב אברהם אבינו. אפילו לבן האט געזאגט, ״איך האב געזען אז דער באשעפער געבט מיר הצלחה נאר אין דיין זכות.״ אויב דער פאפער לבן האט מודה געווען אזא זאך, קען מען פארשטיין אז דאס איז געווען עפעס וואס אלע האבן געוואוסט.

דערפאר האט לאה פון טיפענישן פון הארץ געוואלט אז יעקב זאל איר אננעמען. לאה האט פארשטאנען די גרויסקייט פון יעקב אבינו און זי האט געשטרעבט צו זיין א מאמע פון דאס אידישע פאלק. זי איז געווען די צווייטע ווייב? איז וואס?! איינמאל זי איז שוין געווען חתונה געהאט האט זי געוואוסט אז זי האט א געלעגנהייט, עס איז אין איר גורל, צו בויען דאס אויסדערוועלטע פאלק. זי האט געוואוסט אז זי וועט האבן הייליגע אייניקלעך, זי האט געוואלט זיין פאסיג צו איר גורל ווי ווייט זי קען.

און לאה, וויסנדיג אלעמאל אז זי איז אין צווייטן שטאנד, האט נאכמער געשטרעבט צו ווערן א מאמע. מען זעט דאס אין אלע אירע תפילות - ״אפשר יעצט וועט מיין מאן זיין מיט מיר״ (כט,לד). זי האט געוואלט זיין מיט דעם גרויסן צדיק. עס באנעמט א גרויס רחמנות צו הערן די ווערטער פון לאה: ״באשעפער, זע מיין פארשעמונג; אפשר יעצט וועל איך געפינען ליבשאפט ביי מיין מאן (שם לב).״ ״דער באשעפער האט געהערט אז איך בין נישט באליבט (שם לג).״ דאס הארץ ווערט

איבערגענומען צו ליינען לאה׳ס רייד. נאכאמאל און נאכאמאל האט די צדיקת אויסגעדרוקט איר הארץ וויינענדיג צום באשעפער. זי האט אויסגעגאסן איר הארץ אין תפילה.

אודאי האט רחל אויך געדאווענט צום באשעפער, אבער לאה האט נאכמער מתפלל געווען. די סיבה דערצו איז ווייל זי האט מער געליטן. צוליב דעם האט זי געוויינט און געדאווענט און געשטרעבט צו זיין בעסער; זי האט אלעמאל געטראכט, ׳מיין מאן איז א נביא, איך וויל בויען דאס אידישע פאלק מיט אים.׳

## די קלוגע צוגאנג צו שוועריקייטן אין לעבן

**דאס** איז דער וויכטיגער כלל וואס מיר לערנען דא. ווען א מענטש מאכט מיט שוועריקייטן, אויב ער איז קלוג, וועט ער דאס אויסניצן צו שטייגן דערפון. דאס איז פונקטליך וואס לאה האט געטון. זי איז נישט געווען בייז אדער זיך אפגעגערעדט איבער איר שטאנד אין געצעלט - נאר זי האט געמאכט ניצן דערפון צו ווערן בעסער דורכדעם. עס איז נישט דוקא דער פאקט אז לאה האט געליטן אזוי פיל וואס דערפאר האט זי זוכה געווען צו ווערן די מאמע פון כלל ישראל; עס איז אין זכות פון ווי אזוי זי האט רעאגירט צו אירע ליידענישן.

שפירנדיג זיך אלס באזייטיגטע אין הויז, האט לאה זיך אנגעשטרענגט, מער ווי רחל, צו זיין א בעסערע ווייב און א בעסערע מאמע. זי האט טאקע געדאווענט זייער פיל צו געפינען חן אין יעקב אבינו׳ס אויגן און פאר קינדער האט זי אויך געבעטן, אבער דערצו האט זי שטארק געארבעט אויף זיך, אויף איר גאנצע פירונג און אופן פון רעדן צו איר הייליגן מאן, און אפילו ביים קאכן און אויספירן אירע שטוב פליכטן, האט זי זיך אנגעשטרענגט צו טון דאס בעסטע וואס מעגליך.

אלע אבות און אמהות זענען נאכאנאנד געשטיגן צו העכערע מדריגות. ווי דער רמב״ם ברענגט, האבן זיי געשפירט ווי זיי שטייען פאר דעם באשעפער פיר און צוואנציג שעה אין טאג - אבער לאה האט נאכמער זיך אויסגעארבעט. נאכאנאנד האט זי געארבעט אויף זיך אלס מער און מער , צו פארבעסערן איר שטאנד אויף דעם וואס זי איז נישט געווען די אויסדערוועלטע.

דאס קומט אודאי נישט צו פארמינערן די מדריגות פון רחל, וואס איז געבליבן די אויסדערוועלטע ביי יעקב אבינו, אבער בזכות פון לאה׳ס אויסערגעווענליכע עבודה, האט דער באשעפער איר באצאלט אזא געוואלדיגער שכר.

# חלק ב. אונזער פלאג

## דוד און שאול

**מיר** געפינען אין די געשיכטע נאך א פאסירונג וואס שיינט ארויס מיט אן ענליכער מוסר השכל. מיר ווייסן אז שאול, דער ערשטער אידישער קעניג, איז געווען א מושלם. די גמרא זאגט, ער איז געווען ׳משונה במעשיו׳ (מועד קטן טז:); דאס מיינט, ער איז געווען בעסער פון אלע זיינע ארומיגע, א צדיק גמור (רש״י שם). ער איז געווען ריין פון זינד, שטייענדיג אויף א העכערע מדריגה ווי דוד המלך.

און דאך, וואס האט פאסירט צום סוף? שאול איז מיט די צייט אפגעשטויסן געווארן פון באשעפער און דוד המלך האט איבערגענומען זיין ארט אלס דער מנהיג פון דאס אידישע פאלק און דער פאטער

פון די מלוכה קייט אויף אייביג. דוד איז געווארן דער אמת'ער עבד ה', מער ווי דעם צדיק שאול.

ווער איז דער וואס האט צוגעשטעלט פאר כלל ישראל דעם ספר תהלים? דאס איז געווען דוד המלך - מערסטנס תפילות שטאמען פון דוד המלך. ווער האט אויפגעבויעט דעם בית המקדש? דאס איז געשען דורך מלכות בית דוד. עס איז געווען דוד, נישט שאול, וועלכער האט צוגעגרייט אלע מאטריאלן מיט וואס צו בויען דעם בית המקדש. ער איז אויך געווען דער וואס האט איינגענומען גאנץ ארץ ישראל און אויפגעבויעט ירושלים - דוד המלך האט אלעס געטון!

## דוד איז זוכה איבער שאול

**דוד'ס** נאמען איז געווארן דער גרעסטער נאמען אין די תורה. דער באשעפער האט געזאגט צו דוד, וְעָשִׂיתִי לְךָ שֵׁם כְּשֵׁם הַגְּדוֹלִים - איך וועל דיר געבן א נאמען אזוי ווי דער נאמען פון דעם גרעסטן (דברי הימים א, יז,ח). מיר ווייסן אז די נבואה איז מקוים געווארן. דוד'ס נאמען טרעפט מען אין תנ"ך מער ווי סיי וועלכער אנדערער נאמען - מער ווי טויזנט מאל ווערט דער נאמען דערמאנט. אויך איז דער נאמען פון דוד אויף די ליפן פון אידישע קינדער פיל מער מאל ווי דעם וואס איז פריער אויסדערוועלט געווארן, שאול המלך.

אזוי זעען מיר די וואונדערליכע ערשיינונג נאכאמאל. ווייל שאול איז געווען מער מושלם'דיג, דערפאר איז ער אויסדערוועלט געווארן: שאול בחיר השם - שאול איז אויסדערוועלט געווארן דורך דעם באשעפער (שמאול ב, כא,ו). ער איז געווען א מענטש ממש אן קיין פגם. אויסערדעם וואס ער איז פונדרויסן געווען א הויכער, שיינער מענטש, איז ער געווען א גרויסער בעל מידות און עובד ה'. ער איז געווען א גוטער, אן קיין אייגענע נגיעות. מיר לערנען דאס פון די פאסירונגען וואס ווערן דערציילט אין די תורה און ערקלערט דורך די חז"ל. שאול איז געווען א גאנצער מושלם, א צדיק גמור.

און דאך, וואס האט פאסירט אין ענדע? דוד האט זוכה געווען איבער אים! די זעלבע וואונדער האט זיך איבערגעשפילט ווי ביי רחל און לאה. און דער ענטפער איז די זעלבע. עס איז ריכטיג, דוד איז נישט געקומען אויף דער וועלט אזוי מושלם ווי שאול; אבער פונדעסטוועגן - אייגנטליך טאקע דערפאר - האט דוד געשטרעבט און געהארעוועט מיט כח און ענערגיע זיך צו משלים זיין אין עבודת ה' און עבודת המידות און ער איז טאקע אויסגעשטיגן צו א הויכע מדריגה.

אויב דוד וואלט געווען דער עלטסטער זון פון ישי, אויב ער וואלט געווען דער בכור, דער וואס איז אנגעגרייט צו גרויסקייט, וואלט ער נישט אויסגעוואקסן דער זעלבער 'דוד'. ער וואלט זיכער געווען א געהויבענער איד און בעל מידות, אבער ער וואלט נישט געווארן דוד המלך. דוקא ווייל ער איז געווען דער יונגסטער פון זיינע ברידער, ווייל ער האט געדארפט הארעווען צו שטייגן אויפ'ן לייטער צו גרויסקייט, דערפאר איז ער טאקע אויסגעשטיגן פיל גרעסער. יעצט ווען מיר האלטן נאך די מעשה, ווען מיר קוקן צוריק, זאגן מיר, "זיכער, זיכער, עס איז פשוט אזוי." אבער ניין, עס איז אינגאנצן נישט פשוט. אין יענער צייט איז עס געווען אזא גרויסער איבערראשונג, אז אפילו שאול המלך האט זיך דאס נישט געקענט איבערקומען. עס איז געווען א וואונדער ביי אלעמען.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, שאול המלך שטאמט פון רחל אמנו, די מושלמת, און דוד שטאמט פון לאה, דער צווייטער אויסוואל. אזוי זעען מיר אז היסטאריע האט זיך איבערגעשפילט ביי די אייניקלעך פון די צוויי אמהות. און דאס איז נישט קיין צופאל; דער אמת איז, דאס איז דער

סדר ווי אזוי דער באשעפער פירט די וועלט אין אלע דורות, אונז צו לערנען א לימוד.

## אברהם אבינו און משה רבינו

**אפילו** דער ערשטער איד אויף די וועלט, אברהם אבינו, האט געמאכט אין זיך א גרויסן טויש. ער איז געבוירן געווארן אין א הויז וואו געצנדינערייי איז געווען א ביזנעס, יעדן טאג האט ער געזען זיין טאטן אפשטויבן די געטשקעס וואס זענען געשטאנען צום פארקויפן; דארט איז געווען די ערגסטע סביבה! און דאך, טאקע דערפאר וואס ער איז אויפגעוואקסן אין אזא הויז, האט אברהם אנגעהויבן טראכטן איבער דעם אמת וואס ליגט באהאלטן אין די וועלט, און ער איז דערפון פארוואנדלט געווארן אין א צדיק. ער איז נישט פארוואנדלט געווארן - ער האט זיך אליין פארוואנדלט אלס צדיק. צוליב זיינע איבערלעבענישן פון זיין יוגנט האט ער געארבעט אויף זיך צו טוישן זיין מהלך המחשבה וואס דאס האט אויך משפיע געווען אויף זיינע מעשים. ער איז געווען א 'שנואה' אין אור כשדים, און ווייל ער האט שווער געקעמפט זיך צו שטארקן, איז ער געווארן אברהם אבינו.

און ווי אזוי איז משה רבינו געווארן אזוי גרויס? דער גרויסער משה רבינו, דער איש האלקים, דער נביא וואס דער באשעפער האט גערעדט מיט אים פה אל פה! אזא גרויסער מענטש וואלט געדארפט אויפוואקסן אין הויז פון זיין הייליגן טאטן עמרם. דער באדייט פון דאס ווארט 'עמרום' איז, 'דאס פאלק פון די געהויבענע.' וואספארא געוואלדיגער נאמען איז דאס! און יוכבד באדייט - 'דער באשעפער איז מיין כבוד.' וואספארא הערליכער נאמען! וואספארא ספעציעלע הויז איז דארט געווען!

אבער וואו איז משה אויפגעוואקסן? ער איז געווען אין הויז פון פרעה, דער אונטערדריקער פון די אידן. און משה האט געטראכט, 'וואס קומט דא פאר?' 'פארוואס זאל מען אונטערדריקן די אידן?' 'פארוואס ווערן זיי צעטראטן אומזיסט?' ער האט אנגעהויבן זיך אומקוקן אויף די אידן און ער האט באטראכט להבדיל אויף די מצריים. ער האט אנערקענט אז עס שפילט זיך דא אפ א גרויסער סוד אין דעם סדר פון די פאסירונגען - די שלעכטע טוען אונטערדריקן די גוטע. ער האט אריינגעטראכט און אנגעהויבן צו פארשטיין וואספארא טובה עס קומט ארויס דערפון. און דאס האט אים גרויס געמאכט.

דאס מיינט נישט אז מיר דארפן זיך אויסזוכן און זיך אריינלייגן אין שווערע אומשטענדן, אבער עס איז קיין ספק נישט אז די גרויסע נשמות; אברהם אבינו, משה רבינו און דוד המלך, זענען אריינגעשטעלט געווארן אין אומגינסטיגע סביבות אין אנהייב פון זייער וועג צו גרויסקייט, און דאס איז וואס האט זיי געמאכט גרויס. אברהם אבינו, משה רבינו און דוד המלך וואלטן נישט אויסגעשטיגן אזוי גרויס, אויב וואלטן זיי נישט געהאט די שוועריקייטן אין זייער יוגנט וואס זיי זענען אריבערגעגאנגען.

## די פארדינסטן פון גלות

**אצינד** פארשטייען מיר אז דאס זעלבע שפילט זיך אפ מיט'ן אידישן פאלק; דוקא אונזער שווערער מזל, דאס איז אונזער גוטער מזל. ווייל מיר זענען א פאלק וואס איז א שנואה - מיר זענען אין גלות, מיר וואנדערן צווישן די פעלקער, מיר זענען פאראכסט און פארפאלגט, 'דאס' איז די סיבה ווי אזוי מיר פארבלייבן דאס בעסטע און אויסדערוועלטסטע פון די גאנצע וועלט.

דאס איז די סיבה פארוואס א טייל פון די גרעסטע ווערק פון אונזער פאלק איז געשריבן געווארן דוקא אין גלות. ווען מיר האבן זיך געפינען אין ארץ ישראל, האבן מיר נישט געדארפט האבן צו טון מיט גויים. מיר האבן געלעבט צווישן אידן און עס איז נישט געווען נוגע צו דארפן ערקלערן יסודות אין אידישקייט. אבער שפעטער ווען די אידן האבן זיך אנגעהויבן אויסמישן מיט די אראבער און קריסטן, האבן מיר זיך געדארפט פארמעסטן מיט זיי. דאן זענען ערשינען גרויסע ווערק אויף אונזערע יסודות, צום ביישפיל, אמונת ודיעות, כוזרי, דעם רמב"ם'ס ספרים און נאך פיל מער - די אלע ספרים זענען ערצייגט געווארן לויט די נויטווענדיגקייט פון די תקופות מיט זייערע פארמעסטונגען. נאר די אומשטענדן וואס האבן געצוואונגען צו קעמפן קעגן די ארומיגע שוועריקייטן, דאס האט אויסגעפארעמט אזעלכע גרויסע לייט און גרויסע ווערק.

## די גרויסקייט פון אונזער פאלק

**אויב** מיר וואלטן אלעמאל געווען א באליבט פאלק ביי יעדן, אויב מיר וואלטן אלעמאל געהאט אונזער אייגן לאנד, אויב מיר וואלטן אלעמאל געווען געשעצט אלס די אויסדערוועלטע פון די וועלט, וואלטן מיר נישט געווען דאס וואס מיר זענען היינט. עס איז דער וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה - עס איז נאר צוליב אונזערע רדיפות, ווי אזוי מיר זענען די בעסטע אין די וועלט! מיר דארפן גוט אריינטראכטן אין דעם. מיר קוקן צוריק און עס זעט אונז אויס אז אונזערע רדיפות ווייזט אויף אונזער שלי-מזל, מיר ווערן באשטראפט, אבער עס איז נישט אזוי פשוט בכלל.

דער הייליגער באשעפער זאגט אפן, "אייך האב אייך ליב געהאט מער פון אלע פעלקער, דערפאר האב איך אייך באשטראפט אויף אייערע זינד" (עמוס ג,ב). דאס מיינט, דערפאר גיב איך אייך די סארט באהאנדלונג פון זיין די 'שנואה' פון די וועלט, ווייל איך האב אייך מער ליב פון אלע פעלקער און איך וויל איר זאלט קעמפן און דערגרייכן שלימות. און דאס איז די סיבה פארוואס דאס אידישע פאלק איז די מערסטע אויסגעאיידלט פון אלע פעלקער. עס איז נישטא קיינער אין די וועלט און עס איז קיינמאל נישט געווען א מענטש וואס זאל קענען אפילו מיט א האר זיך פארגלייכן מיט די איידלקייט און ארנטליכקייט פון אן ערליכער איד.

צווישן די גויים זענען געווען אזעלכע וואס האבן געפרעדיגט מאראלישקייט, ווי גלחים, מאנארכן און שרים, אבער אין פערזענליכן לעבן האבן זיי זיך געפירט זייער פראסט. קיין איינער פון זיי קומט נישט צו צו די ארטליכקייט פון דעם פשוט'סטער איד וואס פירט זיך על פי תורה - אמאל און היינט. און דאס איז א דאנק דעם פאקט פון וַיַּרְא ה׳ כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה.

## א געוואלדיגע געלעגנהייט

**אט** דער לימוד וואס דער באשעפער האט געגעבן פאר'ן אידישן פאלק צו לערנען נאכאמאל און נאכאמאל דורכאויס אונזער היסטאריע, איז נישט א לימוד נאר פאר'ן כלל. דעם באשעפער'ס רצון איז אז יעדער פרטיות'דיגער איד זאל ניצן זיינע שוועריקייטן אין זיין פערזענליכן לעבן, אלס א מיטל צו שטייגן העכער. יעדער מצב פון שנואה וואס א איד טרעפט אן, ווען מען טוט זיך ריכטיג אומגיין דערמיט, איז דאס א געוואלדיגע געלעגנהייט צו שטייגן העכער ווי די מענטשן וואס מוטשען זיך ווייניגער.

מיר ווייסן דאס זייער גוט - מיר זעען דאס יעדן טאג צווישן אונז - מען זעט אפט צווישן די חשוב'סטע מענטשן אזעלכע וואס זענען אויסגעשטיגן צוליב דעם וואס זיי האבן געהאט אויסצושטיין

שווערע אומשטענדן און דערפאר האבן זיי געדארפט שטארק קעמפן! און זיי זענען אנגעקומען צום שפיץ! צומאל זענען דאס די מענטשן פון וועמען דער ציבור טוט שטארק געניסן, פון זייערע כוחות וואס זיי געבן ארויס. שווערע מצבים אין לעבן, די טונקעלע מינוטן אין לעבן ווען דער מענטש שפירט זיך צוקוועטשט, דאס זענען עפיזאדן אין לעבן וואס ברענגען ארויס די באהאלטענע אינערליכע כוחות פון א מענטש און העלפן אים שטייגן הויך.

## די צוויי אינגלעך

**אט** איז א ביישפיל פון א מעשה שהיה. א אינגערמאן, איך האב אים געקענט אלס אינגל, ער פלעגט אריינקומען צו מיר אין תלמוד תורה און איך האב צוגעלערנט מיט אים. דער אינגל איז געקומען פון א תורה׳דיגע שטוב וואו מען האט שטענדיג גערעדט פון דעם רמב״ם. דער שמועס ביים טיש איז געווען פון קשיות און פלפולים אויף דעם רמב״ם. דאס איז נישט געווען נאר ביי די שבת׳דיגע סעודה, נאר אויך אינדערוואכן ביי פרישטאג און נאכטמאל און סיי ווען. זייערע שמועסן האבן זיך אלעמאל געדרייט ארום דעם רמב״ם. איך געדענק ווי דער אינגל פלעגט אריינשפאצירן צו מיר אין צימער מיט א רמב״ם אונטער׳ן ארעם. ער איז אריינגעקומען, זיך אראפגעזעצט און איך האב אנגעהויבן לערנען מיט אים גמרא אבער ער האט מיר קוים אויסגעהערט. זיין קאפ איז אים געלעגן אין די קשיא אויף דעם רמב״ם וואס ער האט געהערט ממש פריער אינדערהיים.

מן הסתם איז דער אינגל אויפגעוואקסן גרויס אין תורה, נאך אלעם האט ער זיך געהאדעוועט אין א הייליגע שטוב פון תורה, אבער דאס איז נישט עפעס וואס ער האט שטארק געארבעט דערויף, ער האט דאס באקומען במתנה - אזוי ווי א ספר תורה האט נישט אליין אויסגעוועלט צו זיין א ספר תורה; מען האט גענומען די הויט פון א ציג, עס אויסגעארבעט אלס פארמעט און געשריבן דערויף די הייליגע ווערטער פון די תורה און יעצט איז עס א הייליגער חפץ; עס איז כולו קודש. מען קען זיך דערמיט נישט דינגען - עס איז א ספר תורה. אזוי איז דער יונגערמאן ווי די הויט פון א ציג - מען האט אריינגעקריצט אין זיין מח די תורה, דאס האט אים געמאכט הייליג.

דאן איז דא א צווייטער אינגל וואס איז נישט אויפגעוואקסן אין אזא הויז. ער קומט פון ׳אשקאש׳, א געגנט וואו עס וואוינען בלויז עמי הארצים און אסימילירטע אידן ר״ל. די שמועסן ביים טיש אין זיין הויז זענען געווען פון הוילע נארישקייטן; זיי האבן קיינמאל נישט דערמאנט דעם רמב״ם - זיי האבן ניטאמאל געוואוסט ווער דער רמב״ם איז געווען. אבער דער אינגל האט באשלאסן אז ער וויל זוכן א תכלית פאר זיין לעבן. ער האט אפגעלאזט זיין פאמיליע און זיך גענומען דינען דעם באשעפער. קיינער האט אים נישט געהאלפן, פארקערט, זיינע משפחה מיטגלידער האבן זיך קעגנגעשטעלט ביי יעדן טריט אין זיין וועג.

ער האט זיך נישט צוטון געמאכט און געפארן קיין ניו יארק און זיך אריינגעזעצט אין א ישיבה פאר בעלי תשובה. ער האט נישט געהאט מיט זיך קיין משפחה, ער האט נישט געהאט קיין געלט און קיין אונטערלאנער, ער האט אויף אסאך זאכן מוותר געווען.

דער אינגל איז אריבער אסאך שוועריקייטן און שטערונגען. ער איז זיכער פאררעכנט געווארן אלס צווייטקלאסיג, אויב איז ער פארגליכן געווארן צום ערשטן אינגל. אין זיין יוגנט האט מען אסאך נארישע זאכן איינגעקריצט אין זיין מח, אזוי אז ווען ער איז שוין ענדליך אנגעקומען צו א ישיבה, איז ער געווען אנגעלאדנט מיט אסאך פראבלעמען. דערפאר איז ער געשטאנען אויף א שוואכערע דרגה.

וואס קען שוין אויסוואקסן פון אים?!

אבער טאקע צוליב די אלע סיבות האט ער זיך געראנגלט צו שטייגן; ער האט שווער געארבעט צו דערגרייכן און דורך זיין אייגענע הארעוואניע איז ער געווארן א בן תורה, א למדן. ער האט געארבעט פיל שווערער און ער איז אויסגעשטיגן געוואלדיג. ער איז געשטופט געווארן דורך זיינע אומשטענדן צו הארעווען און זיך דערהאלטן, פיל מער ווי דער אנדערער אינגל, דער 'ספר תורה', וועלכער איז אויפגעוואקסן אין וויליאמסבורג אין א חשוב'ע שטוב. דער 'בעל תשובה' לאזט זיך ווייטער נישט נאך, דער פייער וואס ער האט אין זיך אנגעצונדן ברענט ווייטער און שטופט אים זיך צו רוקן פאראויס, ווייל דאס איז דער איינציגסטער אופן ווי אזוי ער האט פון אלעמאל אן געקענט צו עפעס דערגרייכן; מיט זיין אייגענע הארעוואניע. ער איז געווען דערנידערט צום ערד, ער איז געווען א 'שנואה', און דערפאר איז ער געשטיגן צום שפיץ.

## יעדער האט א געלעגנהייט

**עס** איז נישט מעגליך אויסצושמועסן יעדער סארט פאל, ביי וועלכן מען קען צופאסן דעם לימוד אין פרטיות'דיגן לעבן, פון אלע סארט מענטשן און אומשטענדן, אבער עס איז קיין ספק נישט אז יעדער האט מצבים וואס זענען געלעגנהייטן צו אויסניצן און אויסשטייגן דערפון.

דא איז דא א פרוי וואס האט א שווערער מאן, זי ליידט פון זיינע דערנידערנדע אויסדרוקן. די פרוי האט געלעגנהייטן צו אויסשטייגן וואס א צווייטע פרוי וועט קיינמאל נישט האבן! יעדע מאל זי בייסט איר צונג, איינהאלטנדיג זיך פון צוריקענטפערן, ווערט זי גרעסער און גרעסער. זי איז ווילִיג אלעס אראפצושלינגען און זי גייט אן מיט איר ארבעט אין שטוב מיט א שמייכל און גוטהארציגקייט - דאס איז א געוואלדיגער שלימות המידות; זי דערגרייכט צו פיל א העכערע דרגה ווי די גליקליכסטע פרוי אין די וועלט וואס האט נישט די שוועריקייטן.

א אינגל איז צוגעקומען צו מיר און זיך אפגערעדט אז זיין מלמד לערנט נישט גוט פאר דעם שיעור און ענטפערט נישט זיינע שאלות. איך ווייס נישט אויב דער אינגל איז גערעכט - צי דער שיעור איז גוט געלערנט אדער נישט, אבער דער פאקט איז אז זיינע שאלות ווערן נישט געענטפערט. עס איז א געלעגנהייט - עס זענען דא גענוג אנדערע מענטשן וואס קענען אים ענטפערן זיינע שאלות. ער קען זיך באצייכענען אין די גמרא בשעת'ן לערנען וועו ער ווערט פאראאנקערט מיט עפעס וואס איז אים נישט קלאר, דערנאך קען ער אין הפסקה טרעפן איינער וועמען צו פרעגן און ער וועט שטייגן פון זיין אנשטרענגונג.




עס איז נישטא קיין ענדע צו די געלעגנהייטן; א בחור וויל זיין אין א בעסערע ישיבה, א מיידל וואלט זייער געוואלט האבן א חבר'טע וואס וואוינט נאנט צו איר און נאך און נאך. נישט געזארגט! די אלע שוועריקייטן זענען געלעגנהייטן פאר

די העכסטע דערגרייכונגען אין די וועלט, ווייל מענטשן וואס זענען מצליח ווען עס קומט זיי אן גרינג וועלן טאקע באקומען שכר פאר זייערע גוטע מעשים און מידות טובות - נישטא קיין ספק אין דעם; אבער מענטשן וואס געפינען זיך אין מצבים וואו עס איז זיי נישט גרינג, ווען זיי דארפן זיך מוטשען צו ווערן בעסער, די זענען די מענטשן וואס דערגרייכן צו אמת'ע הצלחה.

## דער סוד ביי די מערת המכפלה

**זעען** מיר אז די מעשה פון רחל און לאה איז א ביישפיל פאר אלע דורות; פאר אונזער אייגן לעבן אויך. אויב לאה וואלט געווען באליבט פונקט ווי רחל, וואלט קיינמאל נישט ארויסגעקומען דאס וואס איז געווארן. זיכער אויב רחל וואלט געהאט לאה'ס שוועריקייטן וואלט זי מיט איר צדקות דאס אויך אויסגענוצט צו שטייגן, אבער זי האט נישט מיטגעמאכט דאס וואס לאה האט און דערפאר איז לאה געווען די וואס האט די מערסטע דערגרייכט. דער פאקט אז לאה האט גוט אויסגענוצט אירע שוועריקייטן, דאס איז געווען איר הצלחה. זי איז געווארן די מאמע פון דעם גרעסטן טייל פון דאס אידישע פאלק.

און נישט נאר דאס. רחל איז יונג נפטר געווארן, אין דער צייט וואס לאה האט געלעבט לאנג און נאך אלעם איז זי געווען די וואס איז באערדיגט געווארן מיט יעקב אבינו אין די מערת המכפלה. גאנץ מעגליך אז צו דעם האט זי זוכה געווען, טאקע צו ערפילן איר בקשה צו וועלכן זי האט אזוי שטארק געשטרעבט, געבעטן און געארבעט דערפאר - צו פארבלייבן מיט איר מאן, צו זיין די ערשטע פרוי. אודאי איז רחל אויך מיט יעקב אבינו אינאיינעם אין גן עדן, אבער לאה איז באערדיגט נעבן אים.

די מערת המכפלה איז אן אייביגער דענקמאל צו דעם געוואלדיגן לימוד וואס דער באשעפער וויל מיר זאלן אפלערנען - אז אפילו רחל איז געווען די אויסדערוועלטע, האט לאה זוכה געווען צו דערגרייכן מער דורך שטייגן פון אירע שווערע אומשטענדן.

אלס רעזולטאט פון לאה'ס עבודה, האט זי זוכה געווען אז אירע קינדער וועלן שטענדיג זיין דער גרעסטער טייל פון דאס אידישע פאלק.

דורך לאה'ס כח קענען מיר דורכמאכן אלע שוועריקייטן אין גלות ביז משיח וועט קומען און מיר וועלן פארזעצן צו שטייגן דוקא דורך די שוועריקייטן וואס טוען אונז באטרעפן - אלס א כלל און אלס א יחיד - אזוי ווי לאה האט דאס באוויזן אין איר תקופה, זי איז געשטיגן פון אירע נסיונות און זוכה געווען צו אייביגע מתנות.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן ארייצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

לויט וויפיל געלט
אזויפיל קאפיס
קענען מיר מאכן

# שאלות ותשובות מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה

## ווי אזוי קען מען משפיע זיין אויף א מאן אדער קינד אן צו זיין סתם א פגע?

## תשובה

**די** ענטפער איז, חכמת נשים בנתה ביתה - די קלוגשאפט פון די פרוי בויעט איר הויז. יעצט, דאס איז נישט קיין לייכטער ענטפער ווייל מען דארף זיך לערנען ווי אזוי דאס צו טון. איר דארפט אויספלאנירן וואס איר ווילט זאגן. צומאל שפירט איר אז איר מוזט עפעס זאגן אויפ'ן מינוט. זאגט נישט!ווארט ביז איר קענט עס זאגן כיטריש. פיל מאל וועט איר דאן דערגרייכן וואס איר וואלט אנדערש נישט דערגרייכט.

**צומאל** וואלט איר געוואלט אז אייער מאן זאל ארויסגיין בייננאכט לערנען אין בית מדרש און ער זיצט ביים טיש מיט זיינע פיס ארויף און ליינט א צייטונג. אזוי פאר'בטל'ט ער זיינע אווענטן. איז דארפט איר ווארטן פאר א געלעגנהייט און דאן לאזט איר פאלן א באמערקונג, "וואספארא פיינער מענטש איז דער שכן מה. כהן. איך זע ער גייט יעדע נאכט ארויס לערנען אין בית מדרש." דאס איז די גאנצע. זאגט גארנישט מער ווי דאס. נאר לאזט די ווערטער אביסל אריינזינקען.

**איך** וועל אייך געבן נאך א פארשלאג. צומאל ווען אייער מאן טוט יא א גוטע זאך, גייט ארויס פון אייער וועג אים צו לויבן דערפאר. אזוי וועט איר אים געבן א שטופ דאס צו טון נאכאמאל.

**סיי** וואס עס זאל נאר זיין, דארפט איר טרעפן טאקטפולע וועגן צו זאגן וואס איר ווילט ער זאל הערן, ווייל די אפענע אטאקע ברענגט געווענליך נישט קיין הצלחה און איז נאר גורם רייבערייען.

נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב לעילוי נשמת

**הרה"ק רבי אברהם דוב ב"ר דוד זי"ע בעמ"ח ספה"ק בת עין.**

יומא דהילולא ש"ק ויצא י"ב כסליו,

**זכותו הק' יעמוד להנדבן החשוב,**

**ולכל הנדבנים החשובים הע"י, להתברך בכל מילי דמיטב,**